# איך פֿאָר

## ישׂראל נעקראַסאָוו

הייס און שטויביק. פֿליגן זשושען,
גרינע פֿעלדער אָן אַן עק,
אין אַ טיפֿער, ברוינער לוזשע
ליגט אַ חזיר אויפֿן וועג.

אין דער ווײַטן — קרומע הײַזער,
ניט פֿאַר גאָט און ניט פֿאַר לײַט.
אַ פֿאַרזשאַווערטער וועגווײַזער
האָט פֿאַרגעסן זײַן באַטײַט.

ערגעץ ווינט מען, ערגעץ בויט מען,
דאָ איז רויִק, שטיל און וויסט,
און סע געלן גרעזער טויטע
צווישן הויכע קופּעס מיסט.

***

ווען איך וואָלט געווען קליגער,
וואָלט מיר געווען בעסער.
ווען איך וואָלט געווען נאַרישער,
וואָלט מיר געווען בעסער.
סײַ ווי סײַ וואָלט איך געטאָן דאָס זעלבע,
וואָס איך טו.
נאָר איך וואָלט ניט געבויט קיין לופֿטשלעסער,
און מיר וואָלטן דעמלט געווען צוזאַמען,
איך און דו.

***

מײַן ליבער עפּלבוים!
איך האָב אַמאָל אַרומגענומען

דיַין קרומען
שטאַם. איך האָב געגלעט
דיַין קאָרע.
דיַין צוויט
האָט מיך געפֿרייט.
דו ביסט
געוואָרן
צו אַלט און גיסט
קיין פּירות ניט.
טאָ זאָג אַ דאַנק דעם קאַרגן
מענטשן: איך בין גרייט
דיך צו דערהרגען.